פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 14-טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

הײַנט 24 זייטען

פרייז 30 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 269 | Łódź Piątek, 20 listopada 1931 r. | נײַנטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג י' כסלו תרצ"ב | № 269

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


הקהלה העברית בלודז

מביעה תנחומים לר' לייזר הינך ברגר נ"י סגן נשיא שלטון הקהלה

למות עליו באביב ח"י אחותו מרת חי' שפרה נ. ע.

המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

---

„צעירי ישראל" — התחלת הספר

מוצש"ק, פ' וישב (ד. 5/XII 1931), פינקטליך 8 אזייגער אוונט

קומט פאר אין „ענגל שעז זאל" (וואולטשאנסקא 5)

א גראנדיעזע

התחלת-הספר-פייערונג

מיט'ן אנטייל פון ארקעסטערס אונטער לייטונג פון בעוואוסט ן מוזיקער מעלאדיסטא, ווי אויך מיט'ן אנטייל פון א בעוואוסטען לאדזער חזן, ווי אויך בעוואוסטע פרע-לעגענטען, וואס וועלען רעפערירען מעניני דיומא.

הועד.

---

משתתפים אנחנו בצערו הגדול של סגן נשיא שלטון הקהלה העברית בלודז ר' לייזר הינך ברגר נ"י

למות עליו אחותו הערינה

מרת חי' שפרה נ"ע

פקידי הלשכה של הקהלה העברית בלודז.

---

קרן-היסוד לאדז

דינסטאג, ד. 24/11 8.30 אוו. קומט פאר א גרויסע

פילהארמאניע-זאל נארוטאוויטש 20

א"י-אקאדעמיע

מיט דער בעטייליגונג פון:

ד"ר ארטור האנטקע (ארץ-ישראל), מיטגליד פון ציונ. עקזעקוטיוו קאמיטעט, דירעקטאר פון קרן-היסוד אין ירושלים

ראטמאן ד"ר מ. הינדעס (ווארשא), מיטגליד פון ראט פון דער יוד. געמיינדע

בילעטען פון 50 גראשען ביז 3 זלאטעס שוין צו בעקומען אין ציוניסטישען ביורא, שרודמייסקא 29.

---

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט, אז נאך לאנגיעהריגע פראקטיק האב איך ערעפנט א

טור- און קארט-געשעפט

אויף פעטריקאווער 23 פראנט 2 שטאק טעלעפ. 226-39

און עמפפעהל א רייכען אויסוואהל פון די בעסטע און נייעסטע הערען- און דאמען-שטאפען ווי: ביליצער, טאמאשאווער, לעאנהארדט'ס און אנדערע צו קאנקורענץ-פרייזען. בעזוכט אונז און איהר וועט זיך איבערצייגען!

מיט אכטונג

M. TAZBIR

לאדז, פעטריקאווער 23 פראנט, 2-טער שטאק.

הורט און דעטייל

געדענקט די אדרעס!

---

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

ה' עוזר בערגער

צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער פרוי

חי' נ"ע

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

פאמיליע זענדעל.

---

פאר מאגענליידענדע

ראבארבער-וויין )
פעפסין-וויין ) כשר

אין פרימא קוואליטעט

צו בעקומען אין דער וויינהאנדלונג פון

E. SZYKIER

Północna 1, tel. 107-84.

---

כוס מלא נחומים הננו מגישים ליו"ר מוסדינו מר הענעך בערגער נ"י סגן יו"ר הקהלה במות עליו

אחותו נ. ע.

בעבודתו לטובת היהדות הח'רדית ימצא נחומים ולא יוסיף לדאבה עוד.

ועד „מחזיקי הדת".

---

Dr. med.

J. PIK

Zeromskiego 36, tel. 175-50.

Choroby nerwowe

Spec. nerwice i cierpienia seksualne.

Przyjmuje od 5–7 w.

---

COCTAIL

די לעצטע טעג!

IRENA CARNERO

I. SKWIERCZYŃSKA

H. ZABOJKINA

ST. LASKOWSKI

אין דער שפיץ פון אנסאמבל „COCTAIL" א. נ.

וואס אמאל בעסער

PRZEJAZD 34 PRZEJAZD 34

COCTAIL

---

„בצלאל" ירושלים

צו א שמחה מתנות פאר אייערע קרובים, בעקאנטע און פריינד קויפט נור די קונסט-אויסארבייטונגען פון „בצלאל". א גרויסער אויסוואהל פון קונסט-בילדער. צו בעקומען אין

ארץ-ישראל-באזאר „תוצרת ארץ-ישראל", שרודמיעסקא 1

(פראנט - געוועלב) —— טעלעפאן 193-42 —— אפען פון 10 פריה ביז 10 אווענד.

---

מפרי הארץ תאכלו! דבש דבורים ביענען האניג

פון אראנזשען עקאליפטוס און באקס-האניג ספעציעל פאר לונגען-ליידענדע.

מאנדלען, ראדזינקעס, סעזאמקעס, ציטרינעז אהן פעסטקעס! צו בעקומען אין

„ארץ-ישראל-באזאר", „תוצרת ארץ-ישראל", שרודמיעסקא 1

(פראנט - געוועלב) —— טעלעפאן 193-42 —— אפען פון 10 פריה ביז 10 אווענד.

אכטונג: ס'איז אנגעקומען א נייער טראנספארט כאלווע!

## בייגעלמ[illegible]ג'ס טעות

וועגן דעם בעקאַנטן קאָמפּאָזיטאָר בייגעל־מאַן דערציילט מען אַזאַ מעשה:

זיצענדיג איינמאָל מיט אַנ'אַרטיסטקע ביי אַ בלאַט נאָטן, איז ער מיט איינמאָל שטאַרק בלאַס געוואָרן.

— וואָס איז אייך, הער קאָמפּאָזיטאָר? — האָט איהם געפרעגט די אַרטיסטקע.

— דאַכט זיך מיר — האָט ב. געענטפערט — אַז איך האָב בעקומען אַ פּאַראַליז.

— פון וואַנען דרינגט איהר דאָס? — האָט זיך די אַרטיסטקע דערשראָקען.

— איך קראַץ מיר כסדר דעם פוס און איך פיהל גאָרנישט.

— ענטשולדיגט, ה' קאָמפּאָזיטאָר — האָט זיך די אַרטיסטקע צולאַכט — איהר האָט געקראַצט מיין פוס....

## ער דעקט אייביג מיט טשעקען

### א לאָדזער יוד גיט זיך אייביג אַנ'עצה

ריכטער: פאַר אויסשטעלן אַ טשעק, בישט־האָבענדיג אין דער באַנק קיין דעקונג, וועט איהר בעצאָהלען שטראָף.

אָנגעקלאָגטער: כ'האָב גאָרנישט דאַגעגען, נאָר מיט איין בעדינג, אַז די שטראָף זאָל איך קענען בעצאָהלען מיט אַ טשעק, ווייל איך האָב גראָד נישט קיין מזומן.

—=:0:=—

## פון יודישען טעאטער

### א געטרייע קאָפּיע פון צעלמייסטערס טעאַטער־אַנאָנסען

**טעאטער אין פילהארמאניע**

דירעקטאָר צעלמייסטער ועפרעזענטירט היינט די בעקאַנטע טאַנצענדיגע און צאַפּלדיגע פון גאָט געבענשטע וועלט־בעריהמטע קינסטלערין

**מאַראַם אפּצאַם**

ס'ווערט געגעבען צום ערשטען מאָל אויפ'ן גאַנצען ערד קיגעל די בעקאַנטע מעלאָדראַמע מיט געזאַנג און טענץ, וואָס ריהרט די פערשטיינערטע הערצער ביז טרעהרען

**די גרינע קאַזע**

12 אַקטען מיט א פּראָלאָג און עפּילאָג אַ חוץ אַנדערע איבעראַשענגען.

צו דער בעקוועמליכקייט פון זעהר גע־עהרטען און האָכגעשעצטען פובליקום, וועט יעדער בעזוכער ביים אריינגאַנג אין טעאַטער בעקומען אַ „באָמבאָניערקע“ צוויי פלאַשען ליקער און נאָך „עפּעס“ אין דער „יד“ אריין.

ד'י דירעקציע.

## אט אזוי בלאָפט מען זיך!

### ווער פון זיי קען בעסער די בלאָף־מלאכה?

אין וואַגאָן פאָהרט אַנ'אַמעריקאַנער, געבען איהם זיצט אַ יוד מיט אַ קיישעל היהנער. דער־צעהלט דער אַמעריקאַנער דעם יוד וועגן די אַ־מעריקאַנער גליקען: איהר זאָלט זעהען די אַמע־ריקאַנער היהנער. וואָסערע היהנער זענען ביי אייך אין פּוילען? ביי מיר, אין ניו־יאָרק, האָט אַ היהן אין איין טאָג אויפגעגעסען אַ גרויסע שיסעל ווייץ, דערנאָך איז זי אַריין אין דער שטייג און מיט איינ־מאָל געלייגט 15 אייער. דעם צווייטען טאָג, האָט זי ווידער אויפגעגעסען אַ שיסעל ווייץ און ווי־דער געלייגט 15 אייער. דעם דריטען טאָג ווידער דאָס אייגענע. אויפ'ן פירטען טאָג, האָט זי זיך געזעצט אויף זיי 45 אייער, און אין משך פון דריי טעג, האָט זי אויסגעבריהט 90 הינדלעך — אַ־זעלכע היהנער זענען דאָ אין אַמעריקאַ.

— ביי אונז אין פּוילען — האָט דער יוד גע־ענטפערט, זענען דאָ נאָך בעסער'ע היהנער. מיינס אַ היהן, האָט זיך אַנומעלטען פערקראָכען צו מיי־נעם אַ שכן — אַ טישלער און אָנשטאָט ווייץ, האָט זי זיך אָנגעגעסען מיט טראָטשינעס. דערנאָך איז זי אַריין אין אַ קויבער, און האָט געלייגט אַ ברעט פון צוויי מעטער לאַנג. דעם צווייטען טאָג, האָט זי זיך ווידער אָנגעגעסען מיט טראָטשינעס און האָט געלייגט צוויי ברעטער. דעם דריטען טאָג, דאָס אייגענע. אויפ'ן פירטען טאָג, האָט זי זיך געזעצט אויף די ברעטער און האָט אויסגעבריהט אַ קרעדענץ, צוויי קוך־בענקעלעך, אַ וואַסער־באַנק און אַ קאַזעטקע. — אַזעלכע היהנער זענען דאָ ביי אונז אין פּוילען.

—=[][][]=—

## א פאליטישע ליבעס־ערקלערונג

### ארויסגעכאַפּט פון א בעוואוסטזיניגען צייטונגס־אויסלייענער

...זייט איך קען דיך, ביזטו ביי מיר איינ־געבאַקען ווי אַ „בענקעל“ ביי אַ דאָוער. איך שעץ דיך אַזוי הויך, ווי אַ דעפּוטאַט זיין מאַנדאַט. כאָטש איך לויף דיר נאָך, ווי דער פּרעזידענט הובער אַוואַלאָ פּעסלעך גאָלד, בין איך נאָך אַלץ געבליבען ערפאָלגלאָז, ווי בריאַן ביים כינעזיש־יאַפּאַנישען קאָנפליקט. הגם איך לייד פון מיין ליבע צו דיר, ווי די סאַנאַציע פון צענטראָלעוו, בין איך דאָך דויער־האַפט, ווי דער אונטערגאַנג פון לאָדזער מסחר. געדענק מיין טייערע, לאָז מיך נישט פאַלען ווי דער ענגלישער פונט א. אַו. וו.

—=:)(:=—

## הספד נאכן פערמאכטען „ראזוואי“

### געהאַלטען פון זייבעם א געשוואוירענעם לעזער

אך קאָלעגאַ, קאָלעגאַ! זע ספּוסטאַנאָן מיאַט־לאָנאַ י זע זלאַנאַן ברוכסטאַנגאַן סטאַיאימי טע־ראַ נאד טוואָים גראָבעם אי לזי גאָרונצע ליעיעם נאד טוואָים ליאָסעם סמו[illegible]עם אי [illegible]נעם.

אַך, קאָראַני ראָזוואָיאו! איז פּאָדני־עשאַנאָן פּיאָטלאָן פושיסענגאַם ניע פּוזעסטאַץ וואַלציץ פוקי דאָשטשענטניע ניע ווימיאָטע ביעטציסטאָץ זי־דאָווסקאָן!

ניעך זיע נאָוואַצינסקי!
ניעך זיע טיגאָדניובקא!
ניעך זיע האַלבקא!

ז'אויסאַנאַוואַניעם
סטרוזש וואַלענטי.

## מעדיצינישע עצות

### „לויט דער „גאזעטא ווארשאווסקא“

שפּייען אויף דער ערד איז שעדליך — גלייכער אויף אַ יודישען אַקאַדעמיקער.

---

ריין וואַשען איז אַ געזונדטע זאַך, הויפּטזעכ־ליך נאָך אַ יודען־העצע.

---

מ'דאַרף זיך היטען פאַר אַלע שמוציגע זאַ־כען, אויסער פאַר אַ העץ־אַרטיקעל אין דער „גאַ־זעטא וואַרשאַווסקא“.

## אונזער בייעסטע קינא־רעפּערטואַר

גומענע שטעקענס: — געהט שוין 4 וואָכען אָהן (א. ויפהער.

די יודישע לאַגע: — 3 טויזענד מעטער לאַנג און 9 איילען טיף (אין דר'ערד).

געשפּאָלטענע קעפּ: — מיט'ן אַנטייל פון די „בראַטניאַקעס“.

שטיל אין שטעטעל: — פון אסתר תענית ביז פורים.

הפּ־א נאַ זשידאַ: — מיט'ן בעריהמטען פילם־לץ נאָוואַטשינסקי אין דער הויפּט־ראָל.

## אַזוי זאגט וואלענטי מיין „דאזארצע“

וואַלענטי, מיין דאָזאָרצע, זאָגט אַזוי.

ווזגלענדעם „נומער־אָווע קלוסקא“ — אַוודאי דאַרף מען עס איינפיהרען! מיר סטרוזשעס, האָ־בען עס שוין לאַנג איינגעפיהרט אין אונזער בראַנ־זשע וועט איהר, בראָן באָזשע, קיין איין יוד נישט טרעפען! אַ שעהנע מעשה! זי, די שליאַכטע, זיי געבילדעטע האָבען אַזוי לאַנג געבלאָנדזשעט, ביז זיי זענען קוים געפאַלען אויפ'ן סטרוזשאַצקע שכל!

---

## א בעריכט

### פון דער „בראַטניא פּאָמאָץ“

די „בראַטניא פּאָמאָץ“ האָט אין משך פון 14 טעג אָפּגעהאַלטען 136 אַנטיסעמיטישע מיטינגען מיט גומענע שטעקענס און 96 מיט שטיינער.

—=:0:=—

## פּאָליטיק

ווי מיינסטו, כינע וועט זיך אויסגלייכען מיט יאַפּאַניע?

— צו וואָס? יאַפּאַן וועט שוין בינע אַליין אויסגלייכען.

# דער קונדס

● הומאר

● סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום פרייטאג־נומער 269 ● פרייטאג, דעם 20 נאוועמבער 1931

## צוליב א „בענקער“...




אט אזוי וועט מען אין דער נאהענטסטער צוקונפט וועהלען א קהלה־פרעזעס



אויבן : גרעסטער טעכנישער מוזעי אין דע־ וועלט. דער מוזעי געפינט זיך אין מינכען און פייערט איצט זיין 25־יעהריגען יובילעי

אינדערזייט: פראפעסאר ביר, דער בעריהמטער בער־לינער כירורג איז אלט געווא־ען זיבעציג יאהר.

אינדערמיט : מיט דער הילף פון קווארץ ־ לאמפ ענטדעקט מען צי א בילד איז עכט אדער געפעלשט.

אונטען: נייע דדייטשע טעלעגראם־בלאנקעטען מיט בילדער צו שיקען אויף חתונות און פערוויילונגען.















קאריקאטור פון דער בעריהמטער טעניס־מייסטערין צילי אוסעם

אויבן : דער קריג אין ווייטען מזרח: א כינעזישער אפיציר ערקלערט פאר דער בעפעלקערונג די לא־גע אויפ׳ן פראנט.

אינדערמיט: דער בעלגישער פיזיקער קאזינס נעמט אונטער א נייעם פליה אין דער סטראטאספערע.

אינדערזייט: פיאטאקאוו, פארשטעהער פון די סא־וויעטען פיהרט ווירטשאפטליכע אונטערהאנדלונגען מיט פארשטעהער פון דער דייטשער אינדוסטריע.

אונטען : אין לאנדאן ווער־ען געמאכט עקספערימענ־טען צו ברוקירען אייניגע גאסען מיט אייזען.פליטעס.









דענקמאל די געפאלענע קא־לאניאל = סאל־דאטען

איז ענטהילט געווארען אין ברעמען





אויבן: אין רעי, דרום־ענגלאַנד, איז געשטעלט געוואָרען אַ דענקמאָל פאַר 17 מאַטראָסען, וועלכע זענען אומגעקומען ראַטעוועדיג אַ שיף.

אינדערזייט: בעריהמטער דייטשער היסטאָריקער פראָפ. מאַרקס איז אַלט געוואָרען 70 יאָהר

אונטען: פרידענס־דעמאָנסטראַציעס אין ריימס. בעיו. דייטשע און פראַנצויזישע אַנטיילנעהמער אין קריג, בילדען אַ „פרידענסקייט".





פראָפ. בערגיוס (לינקס) וועלכער האָט ערפונדען ווי־אַזוי פון קויהלען אַרויסצובעקומען אייל, און פראָפ. ד״ר באָש (רעכטס) פאָרשער אויפ׳ן געביט פון כעמיע — זאָלען בעקומען די היי־יאָהריגע נאָבעל־פרעמיע פאַר כעמישער וויסענשאַפט



אין ענגלאַנד האָט מען איצט אָראָפּגעלאָזט אין וואַסער אַן אונטערוואַסער־שיף פון אַ גאַנץ נייעם טיפ, וועלכע האָט געקאָסט איבער זעקס מיליאָן זלאָטעס.



פרינץ אַצאַם היאַה, זוהן פון קייזער ניזאַם פון האַי־דאַראַבאַד (אינדיען) מיט זיין כלה פרינצעסין דוריו טאָכטער פון לעצטען קייזער אַבדול מעדייד האָבען חתונה־געהאַט די וואָך, דער חתן גילט אַלס דער רייכסטער יורש אין דער וועלט



אויבען: דער צערעמאָניאַל בלייבט אומבעריהרט. דער ענגלישער קעניג פאָהרט אין פאַרלאַמענט עפענען די סעסיע.



אינדערזייט: טשעכישער סאָציאַל־מיניסטער ד״ר טשעך, האָט אָנגעקינדיגט אַז אין טשעכאָסלאָוואַקיי ווערט איינגעפיהרט די 40־שעהדיגע אַרבייטס־וואָך

אונטען: איינווייהונג פון אַ נייער גרעניץ־בריק צווישען דייטשלאַנד און עסטרייך.



